# נײַע מאַטעריאַלן פֿון דעם פּערל־אַרכיוו

פֿון שׂמחה כ״ץ (טאַרנאָפּאָל)

## 1. יוסף פּערלס הקדמה צו זײַן „מגלה טמירין" אין יידיש

### I

דער יידישער נוסח פֿון „מגלה טמירין", דער אַנטיחסידישער סאַטירע פּערלס, פֿאַרעפֿנטלעכט דורך ישׂראל ווײַנלעז לויט דעם כ״י וואָס געפֿינט זיך אין דער פּערל־ביבליאָטעק אין טאַרנאָפּאָל,[1] האָט אַרויסגערופֿן אין די קרײַזן פֿון די פֿרײַנד פֿון דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג. נאָר איין זאַך איז געווען אַ ביסל קשה: ווי אַזוי האָט פּערל בײַ זײַן נעגאַטיווער באַציִונג צו יידיש אַליין איבערגעזעצט זײַן ווערק אין דער דאָזיקער שפּראַך? ער, וואָס אין זײַן גרויסער דרשה בשעת דער מחלוקת איבער דער רבנות פֿון שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט רופֿט ער אָן יידיש אַ „גראָבע"[2] שפּראַך און געפֿינט אויך פֿאַר זײַן חובֿ זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן עולם, וואָס ער באַנוצט זיך ניט מיט אַן „עדעל לשון", מיט דײַטש, איז אַזוי ניט אויסגעהאַלטן און שרײַבט אַליין אין יידיש ניט נאָר צופֿעליקע דרשות וועגן אַן אַקטועלן ענין, נאָר אויך אָריגינעלע ווערק און איבערזעצונגען פֿון אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט? וועגן דער דאָזיקער פֿראַגע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשיידענע השערות. אַ טייל פֿאָרשער, למשל יוסף קלויזנער אין זײַן „הסטוריה של הספרות העברית החדשה", האַלטן, אַז ניט פּערל, נאָר אַן אַנדערער האָט איבערגעזעצט דעם מג״ט אויף יידיש. קלמנאָוויטש מיינט אין זײַן ליטעראַריש־שפּראַכיקן אַרײַנפֿיר צו פּערלס יידישע כּתבֿים,[3] אַז „אפֿשר האָט פּערל געשריבן זײַנע יידישע ווערק פּשוט פֿון זײַן אייגענער הנאה וועגן, צוליב דער באַדערפֿעניש צו שאַפֿן אין מאַמע־לשון". קעגן די דאָזיקע השערות בין איך אַרויס אין אַ רעצענזיע אויף דער אויסגאַבע פֿון פּערלס כּתבֿים.[4] איך האָב דאָרט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז פּערל האָט געהאַט די כּוונה צו פֿאַרשפּרייטן זײַנע יידישע ווערק צווישן די יידישע מאַסן, וואָס פֿאַר זיי זענען העברעיִשע ביכער ניט געווען צוטריטלעך; ער האָט געהאַט בדעה אָפּצודרוקן זײַנע יידישע ווערק, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. האָבנדיק איצט די געלעגנהייט דורכצושטודירן דעם פּערל־אַרכיוו אין טאַרנאָפּאָל, האָב איך דאָרט געפֿונען אַ פֿולע באַשטעטיקונג פֿון מײַן השערה.

---

1 יוסף פּערל, יידישע כּתבֿים, ווילנע 1937, ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ.

2 ציטירט אין ז. קלמנאָוויטשס אַרײַנפֿיר, ז' LXXX.

3 דאָרטן, ז' LXXXI.

4 מוסף צום „דבֿר" פֿון 3/XII/1937.

## II

צווישן די נישט־געסדרטע קליינע מאַנוסקריפּטן פֿון פּערלס ביבליאָטעק האָב איך געפֿונען אַ קאָנצעפּטביכל פֿון גאַנצע 13 זײַטן אין קוואַרטפֿאָרמאַט, וואָס האָט די אויפֿשריפֿט „הקדמה".[5] דער מחבר דערציילט, אַז זײַענדיק אַ מאָל צו גאַסט אין אַ שטאָט, האָט ער זיך צוגעהערט צו אַ שמועס צווישן צוויי שטאָטישע ייִדן און אַ חסידישן דאָרפֿסמאַן אַן עם־האָרץ וועגן דעם „מגלה טמירין". דער דאָרפֿסמאַן קאָן גאָר ניט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס זענען די ביידע שטאָטייִדן אַזוי מלא התפעלות פֿון דעם דאָזיקן ספֿר, וואָס קען זיך דאָך ניט גלײַכן צו דעם הייליקן „שבֿחי בעשט", וועלכער איז אים, דעם אַרענדאַר, באַקאַנט אין דער „טײַטשער" איבערזעצונג. די ביידע שטאָטייִדן ווײַזן אָן, אַז דער מחבר פֿון דעם מג״ט איז געווען גאָר אַ הייליקער מענטש, אַ „רואה ואינו נראה" בזכות פֿון אַ הייליקן כתבֿ וואָס דער בעשט האָט באַהאַלטן אין אַ שטיין און ער האָט עס בדרך נס באַקומען. דערבײַ זענען די ביידע שטאָטמענטשן מודה, אַז דער „טײַטשער" „שבֿחי בעשט" איז ניט קיין געטרײַע איבערזעצונג פֿון דעם אָריגינאַל און אַ סך זאַכן שטייען דאָרטן גאָר אַנדערש ווי אין דעם לשון־קודשן ספֿר.[6]

דער אַרענדאַר קריגט אַזוי אַרום אַ שטאַרקן חשק צו לייענען דעם „הייליקן" מג״ט און פֿרעגט, „פֿרוואס זשע איזט איהם נישט אימציר מעתיק אויף טייטש, פֿרוואס זאלין מיר פראסטאקיס נישט די זכיה האבין, אזוי אספר צו קענען לייענין. חלעבין אז עס קומט א שבת א יו״ט, אדער די ווינטערדיגע נעכט, קומט דעך אונז גאר כמעט משוגע צו ווערען איך ווייס עס זאל אימציר דאס מעתיק זיין אויף טייטש העט ער זיך חלעבין צוה״ב גיקויפט".

דער דערציילער, וועלכער איז ביז איצט געזעסן פֿון דער ווײַטן און זיך נישט אַרײַנגעמישט אין דעם שמועס, הערנדיק, אַז מען רעדט פֿון מג״ט ווי פֿון אַ מעשׂה־ביכל, קען זיך פֿאָרט ניט אײַנהאַלטן און זאָגט: „מיינט איהר אויך אז דער וואס האט דעם מגלה טמירין גימאכט האט נור גיוואלט מעשיות שרייבען, און דעם עולם לוסטיג מאכען. מיר דאכט זיך, אז דער

---

5 די הקדמה איז נאָך ניט צוגעגרייט צום דרוק און אַ סך ווערטער זענען אויסגעמעקט און אויסגעבעסערט. זי איז ניט קאַטאַלאָגירט אין דער רשימה פֿון די מאַנוסקריפּטן פֿון דער פּערל־ביבליאָטעק. עס איז כּדאַי צוצוגעבן, אַז אויך דער עצם טעקסט פֿון מג״ט אין ייִדיש געפֿינט זיך ניט אין דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג, כאָטש ער איז יאָ געווען גרייט צום דרוק.

6 אין דעם שמועס ווערט אויך דערמאָנט דאָס ספֿרל „דברי צדיקים", וואָס איז אַרויס אונטער אַ פּסעוודאָנים אין יאָר 1830 אין ווין. דאָס ביכל באַשטייט פֿון אַ דיאַלאָג צווישן צוויי חסידים וועגן דעם מג״ט, פֿאַרפֿאַסט פֿון יצחק־בער לעווינזאָן, און 3 בריוו וואָס שטאַמען פֿון פּערלען אַליין (זע ווײַנלעזס ביאָגראַפֿישן אַרײַנפֿיר צו פּערלס כּתבֿים, ז' XXIX; פֿרידמאַן, פֿון נאָענטן עבֿר, העפֿט 4, ז' 269).

מחבר האט דיא בריעף אבגעשריבין זענין איהם נישט איינמאהל דיא טרעהרין אין די אויגין גישטאנין און מיט אביטער הארץ האט ער זייא אבגישריבין ווארין ער האט גיזעהן אונזער פֿינצטערן מעמד, אז מען קען מיט אונז נישט שמיסין ערנסט... ער האט נישט גיוואלט מעשיות שרייבין, ער מיינט עפּיס אנדערש, ער זעהט מיר זענין מסוכן קראנק, און מיר ווילין קיין רפואות נעהמין האט ער אונז דיא רפואות פֿרמישט מיט צוקיר".

און אַז דיביידע שטאָטישע ייִדן פֿרעגן דעם פֿרעמדן, פֿון וואַנען ווייס ער דאָס אַלץ, גיט ער זיי דעם כאַראַקטעריסטישן ענטפֿער: „איך קען דעם מחבר גאנץ גוט, אזוי וויא איך קען מיך אליין".

הערנדיק די ווערטער ווערן די צוויי מענטשן מלא־שׂמחה. נאָר איין זאַך קענען זיי ניט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס דער מחבר דרוקט ניט קיין אַנדערע ספֿרים, אַזוי ווי ער האָט דאָס צוגעזאָגט אין זײַן הקדמה צו מג"ט. דער „גאַסט" זאָגט, אַז ער האָט געזען בײַ דעם מחבר נאָך עטלעכע שיינע ספֿרים און אַז באַלד וועלן צוויי אַרויסקומען פֿון דרוק,[7] „ער האט ניט גיקענט ביז אהער עפּיס דרוקן מכמה טעמים, וואָס איך קען נישט זאגין".

אָבער דער אַרענדאַר טענעט זײַנס: „וואס טויגין מיר נייע ספרים", בעסער זאל מען דעם מג"ט איבערזעצן אין „טייטש", נאר מען זאל עס טון „ערליך" און ניט אַזוי אויבנאויפֿיק ווי דעם „טייטשן" „שבֿחי בעשט". לויט זײַן מיינונג דאַרף מען אויך האָבן אַ ספּעציעלע ייִדישע הקדמה צום ספֿר. ער איז אַפֿילו גרייט צו געבן צושטײַער געלט און פּאַפּיר פֿאַר דעם דרוק. סוף־כּל־סוף זאָגט דער „גאַסט" צו, אַז ער וועט איבערזעצן דעם מג"ט גאַנץ געטרײַ אויף „טייטש" און אַז ער וועט אַפֿילו נאָכקומען דעם פֿאַרלאַנג און וועט אַחוץ דער לשון־קודשדיקער הקדמה צוגעבן אַ באַזונדערע „טייטשע" הקדמה.

וכך הווא. דער דערציילער האָט דעם גאַנצן ספֿר „אַקוראט" איבערגעזעצט, נאָר „וועניג זאכין... איפשר צווייא דרייא פון דעם ספר אליין און עפּיס פון דער לשון הקודשר הקדמה זענין נישט איבר גיזעצט ווארען,... אויך איאם (הערות) אנצייכֿנישין וואס אין לשון הקודשין שטעהן אונטין זענין אין דעם טייטשין נישט דא".[8] נאָך דעם ווי דער דערציילער האָט פֿאַרענדיקט זײַן

---

7 עס ליגט זיך אויף דער סבֿרה, אַז איין בוך איז דער „בוחן צדיק", מילואים צו מג"ט, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1838 אין פּראָג. איך בין משער, אַז דאָס צווייטע ווערק איז „כּתית למאור", אַ פּאָלעמיק קעגן דעם מנהג מנדר צו זײַן פֿאַר דער נשמה פֿון ר' מאיר בעל־הנס. דער כּ"י פֿון דעם דאָזיקן ביכל, וואָס געפֿינט זיך אין דער פּערל־ביבליאָטעק, איז געווען גרייט צום דרוק אין יאָר 1830 און האָט אַפֿילו די דרוק־דערלויבעניש פֿון דער לעמבערגער און דער ווינער צענזור. עס איז אָבער ניט צרויס אין בוכפֿאָרם, נאָר שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין „כּרם חמד", ב' 2, ז' 16 — 39.

8 די איבערזעצונג פֿון דער העברעיִשער הקדמה און פֿון די הערות, וואָס זענען ווײַגלעזן נאָך ניט געווען באַקאַנט (פֿ"גל קלמנאָוויטש, אַרײַנפֿיר ז' LXXII, אָנמ' 2), האָב איך געפֿונען צווישן די צעוואָרפֿענע מאַנוסקריפּטן פֿון דעם אַרכיוו.

אַרבעט, טראַכט ער זיך: „וואס דארף איך דא איין אנדרי הקדמה צו שרייבין, אט דער גאנציר שמים... לאז זיין א הקדמה. אין אַ הקדמה דארף מען זאגען, פֿר וואס מען האט דאס ספר גימאכט און צו וואס דאס ספר קומט צו נוטץ אט אין דעם שמים, וואס דא איזט גיוועז, איזט אלצדינג דא״.

דער דערציילער פֿאַרענדיקט די הקדמה מיט די ווערטער: „איך האף עהרליכע פראסטאקים, וועלין מיר דאנקין פר דעם וואס איך האב זייא מעתיק גיוועז דעם מגלה טמירין אין אז אנדערי וועלין ברוגז זיין געהט מיך אויך נישט אן, השי״י ווייסט מיין כוונה איזט עהרליך. בזכות זייא וועט מיר השי העלפין נאך ניצליכי ספרים לטובת בני עמי מעתיק צו זיין אמן כן יהי רצון״.

III

איך מיין, אַז פֿון די ציטאַטעס, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, איז צו זען קלאָר און באַשיידלעך, אַז דער ייִדישער נוסח פֿון מג״ט האָט געדאַרפֿט געבן דעם פּשוטן עולם די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן ווערק און זײַן אַנטיחסידישער טענדענץ. דער איבערזעצער, וועלכער איז לויט מײַן מיינונג, וואָס שטיצט זיך אויך אויף פֿאַרשיידענע רמזים אין דער „הקדמה״ גופֿא, ניט קיין אנדערער ווי פּערל אַליין, באַטאָנט בפֿירוש, אַז ער וויל ניט דערציילן קיין סתּם מעשׂיות, נאָר ער איז אויסן, אַז דער עולם זאָל דערפֿון זיך אַרויסנעמען אַן ערנצטן מוסר־השׂכּל. ער האָט ניט אין זינען עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן די ברייטע פֿאָלקסמאַסן די אידעע פֿון דער השׂכּלה און דעם קאַמף קעגן דעם חסידיזם דורך פּאַסיקער ליטעראַטור אין דער פֿאָלקשפּראַך. פֿאַלש איז בכן די אַנגענומענע מיינונג, אַז אַלע משׂכּילים זענען געווען צו דער ווירקלעכקייט פֿרעמד און דערווײַטערט פֿון דעם פֿאָלקסלעבן. אַזעלכע שרײַבערס ווי פּערל האָבן די טראַגעדיע פֿון דעם פּשוטן ייִדן ערלעך מיטגעפֿילט און זיך באַמיט צו הייבן דעם גײַסטיקן ניוואָ זײַנעם. און אַז דער קולטורעלער מצבֿ פֿון די ייִדישע מאַכן איז געווען שפֿל, שטייט געשריבן ניט בלויז אין דער ייִדישער הקדמה צו מג״ט, נאָר אויך אין דער הקדמה צו דער ייִדישער איבערזעצונג פֿון דעם אַנטיגנוס־ראָמאַן, וועלכע שטאַמט אָן שום ספֿק פֿון דער זעלביקער פּען.[9] דאָרט זאָגט אַ גאַליצישער ייִד צו דעם איבערזעצער: „אב איהר וועט דאס (בוך) אי״ה לאזען דרוקען וועט איהר אייך קונה עולם הבא זיין... דער פאהלישע געמיינע עולם האט דאך נעבוך גאר נישט וואס צו ליינען... בפרט אז עס קומט שבת אדער אַ יום טוב וואס זאל דער פאהלישע פראסטאק טוהן, פּרצייטען זענען אין דער מדינה געווען

[9] אין מײַן דערמאָנטן אַרטיקל אין „דבֿר״ האָב איך אַרויסגעזאָגט ספֿקות, צי דער אַנטיגנוס־ראָמאַן איז איבערגעזעצט געוואָרן דורך פּערלען. איצט ווען איך האָב זיך נעענטער באַקענט מיט דעם כּתבֿ־יד אין דעם פּערל־אַרכיוו, מוז איך מודה זײַן, אַז מײַנע ספֿקות זענען געווען אומבאַגרינדעט.

מגידים, שיעור זאגער, מוכיחים, שבת אונ׳ יו״ט האט דער פראסטאק פֿון זייא געהערט עפּיס אָ יראת שמים זאך, אדער עפּיס א שכל זאך, האט ער דרפֿין חיות געהאט, דאס האט אבער בעוה״ר אין פאהלין שוין לאַנג אויפֿגעהערט. אז עס קומט שבת אדער אָ יו״ט, וואס טוהן זייא, ענטפֿער זייא געהן אין גערטנער אדער ערגעץ אנדערש שפאצירען, זענען דאָרט מחלל שבת, טוהן אויך אנדערע עבירות, אדער עסען אונ׳ טרינקען וויא זוללים וסובאים, אונ׳ טוהן דרבייא אלדאס בעז. אז איין עהרליכער פראסטאַק וויל דאס נישט טוהן, אונ׳ זיצט אין דרהיים, מוז ער עפּיס לייענען, לייענט ער די מעשה בוכליך, וואס זענען אָהן שכל אהן קאפף, אָטהייל זענען נאך פֿיל מיט לצנות אונ׳ ניבול פה״.

## 2. חיים מאַלאַגע, דער אמתער מחבר פֿון „גדולת ר׳ וואלף״

אין דער ייִוואָ-אויסגאַבע פֿון פּערלס ייִדישע כתבֿים איז אָפּגעדרוקט אַחוץ דעם ייִדישן נוסח פֿון „מגלה טמירין״ אויך אַן אָריגינעלע נאָוועלע א״ט „גדולת ר׳ וואלף מטשארני אסטרה״. אין זײַן ליטעראַריש-שפּראַכיקן אַרײַנפֿיר צו דער דאָזיקער אויסגאַבע[1] ווײַזט קלמנאָוויטש אָן, אַז עס זענען פֿאַראַן אַ סך אונטערשיידן צווישן די ביידע שאַפֿונגען, סײַ אין דעם אויסלייג, סײַ אין סינטאַקסיס און סטיל. דער מחבר פֿון דער נאָוועלע, — זאָגט קלמנאָוויטש — „גייט אין גאַנצן אין די וועגן פֿון מענדל לעפֿינען סײַ בנוגע דעם שפּראַכבאַנוץ און סײַ בנוגע דעם אויסלייג״. אויך דער שטאַר ער באַנוץ פֿון די סלאַוויזמען אין דער דאָזיקער נאָוועלע דערמאָנט אָן לעפֿינס תּנך-איבערזעצונגען. דעריבער קומט קלמנאָוויטש צו דעם אויספֿיר, אַז פּערל האָט אָנגעשריבן די נאָוועלע „גדולת ר׳ וואלף״ פֿריִער, און דעמאָלט האָט ער זיך געפֿונען אונטער לעפֿינס השפּעה אין פּרט פֿון שפּראַך, שפּעטער אָבער האָט ער געמאַכט אַן עוואָלוציע פֿון אַ גערעדטן דיאַלעקט צו אַ מער אַנטוויקלטער ליטעראַרישער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט איבערגעזעצט דעם „מגלה טמירין״.

אָט די השערה איז אויפֿגעבויט אויף אַ טעות. דער אונטערשייד אין שפּראַך און סטיל דערקלערט זיך גאָר פּשוט: ניט פּערל איז דער מחבר פֿון דער נאָוועלע „גדולת ר׳ וואלף״, נאָר חיים מאַלאַגע, וועלכער האָט געלעבט אין די צוואַנציקער יאָרן פֿון דעם 19טן י״ה אין דער שטאָט באַר אין פּאָדאָליע. דער טעות פֿון די אַרויסגעבער פֿון פּערלס ייִדישע כתבֿים נעמט זיך דערפֿון, וואָס זיי האָבן ניט געוווּסט פֿון דער עקסיסטענץ פֿון אַ קאַרטאָן-קאַטאַלאָג, וועלכער געפֿינט זיך אין דער פּערל-ביבליאָטעק און וואָס אויף זײַנע קאַרטעס זײַנען פֿאַרצייכנט וויכטיקע נאָטיצן וועגן די דאָרטיקע כתבֿ-

---

[1] ז׳ XL, א״ח.

ידן. דער קאַטאַלאָג איז אויסגעשטעלט לויטן אַלף-בית.[2] דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג האָט צונויפֿגעשטעלט צבֿי-הירש רייטמאַן,[3] אַן אַמאָליקער תּלמיד פֿון דער פּערל-שול, וועלכער האָט פֿאַרנומען אַ פּאָסטן פֿון אַ לערער אין דער דאָזיקער שול[4]. דער קאַטאַלאָג-צעטל פֿון דער דערמאָנטער נאָוועלע לייענט זיך אַזוי: „גדולת ר׳ וואלף מטשארנאסטראה אשר היה רבי מכת הבעשטנים בלשון יידיש דייטש מר׳ חיים מאַלאַגאַ״. עס לייגט זיך אַוודאי ניט אויפֿן שׂכל, אַז רייטמאַן, וואָס איז געשטאַנען גאָר נאָענט צו פּערלען, זאָל האָבן אַ ווערק פֿון אים צוגערעכנט צו אַן אַנדער שרײַבער. נאָר איבער דעם מאָדנעם נאָמען פֿון דעם מחבר האָב איך צו ערשט געהאַט אַ חשד, אַז דאָס איז ניט קיין ריכטיקער נאָמען, נאָר אַ פּסעוודאָנים. שפּעטער אָבער האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו געפֿינען צווישן די כּתבֿים פֿון דעם פּערל-אַרכיוו אַ בריוו צו מענדל לעפֿינען געחתמעט פֿון אָט דעם חיים מאַלאַגע (בריוו נומער 1).[5] אויך האָב

---

2 אחוץ דעם קאַרטן-קאַטאַלאָג פֿאַרמאָגט די פּערל-ביבליאָטעק נאָך אַ קאַטאַלאָג-בוך, וווּ די ביכער און כּתבֿ-ידן זענען פֿאַרשריבן לויט זייער אַרט. דער דאָזיקער קאַטאַלאָג איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם סמך פֿון די קאַרטעס און גיט איבער זייער אינהאַלט אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרם.

3 דעם קאַטאַלאָג האָט רייטמאַן צוגעגרייט שוין נאָך פּערלס טויט. דאָס איז געדרונגען פֿון זײַן באַמערקונג אויף דער קאַרטע פֿון דעם מאַנוסקריפּט נומ׳ 24 („מלחמת חובה״ פֿון רמבן): „ואני מחבר רשימה זאת מהספרים אשר השאיר אחריו ברכה הגביר המנוח מו״ה יוסף פערל בר״ט [=בן ר׳ טודרוס] העתקתי הספר הנ״ל מלה במלה בשנת תקפ״ד״. צום סוף פֿון דעם דאָזיקן כּ״י געפֿינט זיך אַ נאָטיץ פֿון דעם אָפּשרײַבער: „תקפ״ד העתקתיו אני הצעיר צבי הירש רייטמאַן״. אויפֿן סמך פֿון די ביידע נאָטיצן האָב איך פֿעסטגעשטעלט, אַז רייטמאַן איז דער מחבר פֿון דעם קאַרטן-קאַטאַלאָג.

4 רייטמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1805. אין פּערלס קאָפּירבוך געפֿינט זיך אַ בריוו צו שלמה-יהודה ראַפּאָפּאָרט פֿון 2טן דעצ׳ 1828, אין וועלכן פּערל שרײַבט וועגן דער קאַנדידאַטור פֿון זײַן אַמאָליקן תּלמיד און פֿרעגט ראַפּאָפּאָרטן אָן וועגן זײַן מאָראַלישער אויפֿפֿירונג אין לעמבערג (רייטמאַן האָט דעמאָלט דאָרטן שטודירט). ס׳ווײַזט זיך אויס, אַז אין אָנהייב איז פּערל ניט געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון דעם נײַעם לערער. אין אַ בריוו פֿון 24סטן אַפּריל 1831, וועלכער געפֿינט זיך אין דעם שול-אַרכיוו, זאָגט אים פּערל אָפּ פֿון זײַן פּאָסטן. רייטמאַן איז אָבער געבליבן און איז שפּעטער געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון פּערלס ביבליאָטעק (פֿ״גל גאָלדענבערג, „אוהל יוסף״, ז׳ 28). אין יאָר 1854 איז רייטמאַן אַוועק פֿון טאַרנאָפּאָל און איז געוואָרן דירעקטאָר פֿון דער ייִדישער שול אין בראָד. רייטמאַן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אייניקע אַרטיקלען וועגן פּערלען און דעם מצבֿ פֿון דער טאַרנאָפּאָלער קהילה אין דער דעמאָלטיקער דײַטש-ייִדישער פּרעסע, צוו״אַ דעם אַרטיקל „יוסף פערל אונד זיינע שולע אין טאַרנאָפּאָל״ אין גײַגערס „וויסענשאַפֿטליכע צײַטשריפֿט פֿיר ייִדישע טעאָלאָגיע״, ב׳ IV, ז׳ 312 א״וו. (וועגן זײַן פּאָעמע „דער קיטל״ זע ז. רייזענס „לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע״ ב׳ IV).

5 דער מחבר פֿון דעם בריוו חתמעט זײַן פֿאַמיליע-נאָמען מיט אַן ע צום סוף. אין דעם קאַרטן-קאַטאַלאָג הייסט ער בפֿירוש מאַלאַגאַ (מיט דעם פֿולן ניקוד). אין דער קאָפּיע פֿון זײַן צושריפֿט צו דעם בריוו פֿון מאיר רײַך ווערט ער אויך אָנגערופֿן מאַלאַגאַ.

איך דאַרטן געפֿונען אַ קאָפּיע פֿון אַ העברעיִשן בריװ פֿון אַ געװיסן מאיר רײַך פֿון באַר מיט אַ צושריפֿט אין יִדיש פֿון חיים מאַלאַגאַ (בריװ נומ׳ 2), זײ בײדע שרײַבן װעגן דער באַװוסטער אױספֿאָרשונג, װאָס די רוסישע רעגירונג האָט פֿאַרפֿירט קעגן דעם חסידישן רבי, ישׂראל ריזשינער. אַחוץ דעם האָט ד״ר פֿ. פֿרידמאַן פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם זשורנאַל „פֿון נאָענטן עבֿר"[6] אַ בריװ צו מענדל לעפֿינען פֿון אַ געװיסן חיים, װעלכער איז, װי איך װעל נאָך אױפֿװײַזן (הערה 9), אידענטיש מיט אונדזער חיים מאַלאַגע (בריװ נומ׳ 3). װי עס װײַזט זיך אַרױס פֿון די בריװ, איז דער מחבר פֿון זײ געװען גוט באַפֿרײַנדעט מיט מענדל לעפֿינען, דעם נעסטאָר פֿון די גאַליצישע משׂכּילים. ס׳איז דעריבער פֿאַרשטענדלעך, אַז לעפֿינס סטיל האָט געהאַט אַ גרױסע השפּעה אױף דעם דאָזיקן שרײַבער.[7]

מיר ברענגען דאָ דעם ערשטן בריװ (1) און די צושריפֿט צו דעם בריװ פֿון מאיר רײַך[a7] (2).

## 1

יום ב תצא תקפ״ב באר

לכבוד הרב הישיש החכם תפארת עמב״י[b7] מוה״ר מענדל לעפין שיחי׳

יישר כחו, גלובט אוז זיין ליבר נאמן וואס האט אייך אוף דר עלטער גיהאלפן אזו דבר יקר אויסציפירן ער זאל נאך ווייטר העלפן להוציאו בקרב לאור, אייערע און אונזערי אוגן זאלן עס זעהן[8]. נאר הָדיא שין מיטאך שין מעהר קיין כח נישט אָן. הערט אוף שווערע ארביט אזו מיט פראצע צי האריווין.

---

6 באַנד I, ה׳ A, ז׳ 264—265.

7 כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם סטיל פֿון די בריװ איז דער ברײטער באַנוץ פֿון סלאַװיזמען (פּראַצע, האריווין, סליד, נאדגראדזען, קערניצע; אין בריװ נומ׳ 2: דאפראס, טשינאחניקיס; אין בריװ נומ׳ 3: אומיסנע, דלובעט אאז״ח). אָפֿט שטעלט ער אַ ו אָנשטאָט אַ י (אוז, סוז, גשרובן; אין דעם בריװ נומ׳ 3: בוז, בוסליכחיים). ניט־אַקצענטירטע װערטער װערן צונױפֿגעבונדן מיט דעם פֿריִערדיקן אָדער שפּעטערדיקן װאָרט (מיטיך, חהאב, שרײביך, פֿארלאנגטיס אד״גל). אָנשטאָט אַ כ באַנוצט זיך דער שרײַבער אָפֿט מיט אַ ח (חהאב=איך האָב. אין בריװ נומ׳ 3: חאטש, לעתרט, גימאחט, האפציך=כאפט זיך א״אנד). דאָס זענען אַלץ סימנים, װאָס זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם שפּראַכבאַנוץ פֿון „גדולת ר׳ װאלף" (קלמנאָװיטש, דצ״ו, ז׳ XLI א״ח).

a7 מאיר רײַכס ברודער, צבֿי הכּהן רײַך האָט אַרױסגעגעבן מ. לעפֿינס „קהלת" אױף יִדיש, אָדעס 1873. אין דער הקדמה דערצײלט צבֿי רײַך, אַז דער כּתבֿ־יד איז געבליבן בײַ מאיר רײַכן פֿון מענדל לעפֿינען אַלײן.

b7 עמנו בני ישׂראל.

8 דער שרײַבער מײנט דערמיט מן הסתּם לעפֿינס פּאָפּולערע העברעיִשע איבערזעצונג פֿון מורה נבֿוכים, װאָס איז אַרױס ערשט נאָכן טױט פֿון דעם מחבר, אין די יאָרן 1829—1831 (פֿ״גל װײַנלעז, ייִװאָ־בלעטער, ב׳ II ז׳ 353—354).

חהאָב מיך גיהאט זייער דערשראקן אז חהאב אין אייער בריוול דרזעהן מיין בעריש[9] איז חלילה כפוי טובה אקעגן דעם חכם דאס גיטע הארץ ר׳ יעקב שמואל ביק[10] שיחי׳, סהאט מיך אנקסן אוברן גאנצן לייב באשלאגן. לאנג לעבן זאל ריש״ב.[11] בשולי היריעה האט ער זיין הגהה צי אייער בריוול צי גשרובן בזה״ל „מיהאט לידידינו החכם הזקן אליגן פיר גיזאגט, סוז גאר לא הי׳, סוז אגיט קינד״. ער האט מיך מיט דיא עטליכע ווערטער גאר דרקוויקט, איר זענט מיך אוך פאר אשטיקל כפוי טובה חושד, ווארים לאז איך דעם חכם ריש״ב אין אייער בריוול נישט גריסן? אפשר? זאלשע יוא זיין איין כפוי טובה דער וואס גייט אין אייער סליד? דער וואס מיט דארשט טרינקט אייער קוואל-וואסער? ניין, ר׳ מענדל חלילה וחלילה: איך שרייב אלע מאל להחכם הנ״ל בריוולך אפילו מיט וועניג תשואות חן פאר דעם גיטן וואס ער טיט מיר, ווארן דער מענש פארלאנגטיס פין מיר נישט, אָפט שרייביך גאר וויא א נושה מחויב,[11a] סוז אבר פאר אים אזו אוך כשר.

מיין שטיקל פרנסה בכבוד האביך לע״ע בכאן כיד ד׳ הטובה עלי, אונזר ר׳ מאירל[12] זאל לעבן האט מיך צישן דיא נגידים בכאן באקענט גימאכט וואס איך ווער באנוצט צי זייערע מו״מ און איך ווער פין זייא ערליך באלונט. השי״ת זאל דעם ר׳ מאירלן פאר זיין גיט הארץ נאדגראדזען דרוייל. ער זאל גיטע בשורות פין דעם קינד הערן, גיך אין באלד זאל ער פין זיין צער דרפרייט ווערן.

נא זייט גיזינט. אוהבו חיים מאלאגע

---

9 בעריש איז מסתמא געווען אַ זון פֿון חיים מאַלאַגע. ער ווערט אויך דערמאָנט אין דעם פֿון פֿרידמאַן פּובליצירטן בריוו. דער בריוו איז געחתמעט נאָר חיים, אָבער די ענלעכקייט פֿון דער שריפֿט לאָזט גיט צו קיין שום ספק, אַז דער מחבר פֿון דעם בריוו איז חיים מאַלאַגע. די אַדרעס-זײַט פֿון דעם דאָזיקן בריוו האָט לעפֿין באַנוצט צו אַ נאָטיץ פֿאַר פּערלען. פֿרידמאַן (ז׳ 274) האַלט ע״פּי טעות, אַז דער בריוו גופֿא איז געשריבן אין מעזיבוש. אין דעם אָריגינאַל פֿון דעם בריוו שטייט בפֿירוש: באַר.

10 יעקב-שמואל ביק (געשט׳ 1831), אַ באַוווּסטער משׂכּיל אין בראָד, וואָס האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט פֿון דער השׂכּלה און זיך דערנעענטערט צום חסידיזם. וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט פֿ״גל ווײַנלעז, אַרײַנפֿיר צו פּערלס כּתבֿים ז׳ XXXV; קלוזנר, הסטוריה של הספֿרות העברית החדשה, די זוכצעטלעך אין ב׳ I און II; ז. רייזען, „ליטעראַרישע בלעטער״ 1931, נומ׳ 42, 43.

11 = ר׳ יעקב-שמואל ביק.

11a געוויינטלעך: משה מחויב.

12 אפֿשר מאיר רײַך אין באַר, וואָס צו זײַן בריוו האָט מאַלאַגע צוגעשריבן אַ צושריפֿט (נומ׳ 2).

ושלום לידידי הנגיד והנדיב החכם היקר כבוד מוהר״ר נחמן פוניליס[13] שיחי׳ ולזוגתו די גרוס פֿארנאנטע שיינדל ריבֿע תחי׳ עכי״ח שוי״ר[14] דרלאזט נישט דעם אלטן אזו שטארק האריוון. לאז ער שון קיין באגערער נישט זיין דיא גדולה פֿין דעם אלטן חכם אין אייער הויז זאל אייך אוף לאנגע יארן נישט פארשטעהרט ווערן, פֿיל, אייך ווינשעווין וואס? נאר טאקי דעם אלטינס לאנגידיקע ברכה. איר זאלט דאס זוכה זיין צי זעהן אין אייערע קינדר וואס אייער פֿאטער זעהט אין אייך אוהבכם חיים הנ״ל. ושלום לידידי החכם היקר כבוד מוה״ר בצלאל שטערן[15] שיחי׳

אין דער מדינה אוז נתחדש גיווארן איין רפואה כוללת צי אלע שלאפֿקייט, פינם בעשטס קערניצע דאס וואסער פֿירט מן שוין אין קריג און אין פֿלעשער. אין עס ווערט אלץ וויא מיט דר האנט אוועק גינומן, אפילו פאויערפֿאלג ניצן אוך דאס וואסער לרפואה עס ווערט אנגיריפֿן באלשעמסקי וואדא. אומזוסט מאכֿטמן בייא אייך דארט גאר די אפטעקן רייך דאס באלשעמסקי וואדא אוז גוויס פֿין אלים פֿיל בעסער אין גאר וואלוול.

## 2

דער רבי ר׳ ישראלאני[16] איז לע״ע באם פֿארהער אין בארדיטשב ער מוס נעביך בעו״ה שטיין גאנצי טעג בייאם דאפראס פֿאר רוסישע טשינאווניקיס משטעהרט אוך זיינע הייליגע מחשבות בעו״ה מיר קענין דאס גאר ניט פֿרשטעהן וואס פֿיר גרוסע חטאים פין דעם דור איז דער צדיק סובל יסורים אפשר וועט ער זיין דיא כפרה פֿארן גאַרן דור.

ווײַטער דרוקן מיר איבער אונטער נומ׳ 3 די ייִדישע הקדמה פּערלס לויט פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס עס האָט געמאַכט פֿרוי רעכאַ הירשבערג, טאַרנאָפּאָל. דערבײַ זאָגן מיר איר אַ האַרציקן יישר־כּוח פֿאַר דער טירחה. — די רעדאַקציע.

---

13 גרינדער פֿון אַ העברעיִשער בוכדרוקערײַ אין טאַרנאָפּאָל, וואָס האָט דאָרט עקסיסטירט נאָר אַ קורצע צײַט. וועגן אירע אויסגאַבעס פֿ״גל פרידבערג, תולדות הדפוס העברי בפולניה, ז׳ 99 א״וו; האַבערמאַן, הדפוס העברי בטארנאפאל אין פֿרענקילס „עלים לביבליוגרפיה וקורות ישראל״ ב׳ II, העפֿט 1. פּערלס בריוו צו פּינעלעסן וועגן לעפֿינס לחיה האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ווײַנלעז אין ייִוואָ־בלעטער ב׳ II, ז׳ 356.

14 =עם כל יוצאי חלציו שלום וישע רב.

15 שטערן איז געווען אַן אמאָליקער תּלמיד פֿון דער פּערל־שול און האָט דאָרטן אין די יאָרן 1811—1828 פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ לערער. שפּעטער איז ער געוואָרן דירעקטאָר פֿון דער נײַער ייִדישער שול אין אָדעס (פֿ״גל פּ. פֿרידמאַן, ז׳ 267).

16 וועגן דעם אַרעסט פֿון ר׳ ישׂראל ריזשינער, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויסן אײַנדרוק אין די ייִדישע קרײַזן, פֿ״גל שאול גינזבורג, היסטאָרישע ווערק ב׳ I ז׳ 103 א״וו. אין פּערלס אַרכיוו געפֿינט זיך אַ דײַטשער מאַנוסקריפּט וועגן אים מיט ביאָגראַפֿישע פּרטים ביז צו דער צײַט פֿון זײַן אַרעסטירונג.

# 3. יוסף פערלס הקדמה צום „מגלה טמירין"

## הקדמה

וויא דאס ספר מגלה טמירין איז ארויס גיקומין אויף דער וועלט האב איך גיזעהן, וויא זעהר פיעל מענשין האבין עס גילייענט. איינמאהל אבער בין איך גיוועזן אין איין שטאד צי גאסט האב איך גיזעהן וויא[1] דער בעלהבית וואס איך בין בייא איהם איינגישטאנין מיט זיינס א שכן זענין[2] איבר איהם גיזעסין אין איין דארפס מאן איזט זיך פין וויטען גיזעסען. האט זיך דער דארפסמאן אנגירופין איך וייס גאר נישט וואס איהר האט פין דעם ספר אזא אגרויס תענוג, איך האב נאך קיין מאהל נישט גיזעהן, מען זאל זיך אזוי פרייען מיט א ספר, וויא איהר פרייעט אייך דא מיט דעם ספר. דארף מען מעהר וויא דאס ספר שבחי הבעשט און דיא סיפורי מעשיות זענין, וואס מעגי-פינט אין זייא, וואס איהר ווילט נור אליין אין צים סוף פרייעט מען זיך מיט זייא נישט אזוי וויא איהר פרייעט אייך דא מיט דעם מגלה טמירין.

וואס בין איך אייך שילדיג האט איהם[3] דער בה"ב גיענטפערט, וואס איהר קענט קיין לשון הקדש נישט, אין ווייסט נישט וואס אין דעם ספר שטעהט.

וואס קען דא אזוינס שטעהן דרינין, קען דען אויף דער וועלט גאר אזוינס זיין וויא אין שבחי הבעשט אונ אין דיא סיפורי מעשיות האט זיך דער דארפסמאן אנגירופין

זעהט איהר זאגט דער[4] בעה"ב דאס ספר איזט דעך אבער נאך דעם שבחי הבעשט אין נאך דיא סיפורי מעשיות גידריקט גיווארן, אונ אין דעם ספר שטעהן דיא שענשטי מעשיות פון דעם שבחי הבעשט און נאך איאם אנדערי אויך

ווען יוא זאגט דער דארפסמאן, וויא קען מען דיא מעשיות פון דעם ספר פרגלייכין צו יענע פין דעם שבחי הבעשט, יענע ווייסין מיר אז זייא זענין אזוי אמת וויא דיא הייליגי תורה, דיא מעשיות האט גישריבין דער ליניצער שוחט וואס זיין שוועהר ע"ה אליין ר' סענדרן מיין איך איז גיוועזן בייאם בעש"ט א[5] שוחט אין א סופר, און האט אליין[5*] גיוויסט איאם מעשיות, אבער פון דעם ספר וואס איהר לייענט דא, גאט זאל מיך נישט שטראפין פר דיא רעד ווייס איך דעך נישט, אב דיא מעשיות זענין אמת, תאמר זענין זייא ח"ו גאר ליגין, ובפרט וויא איך האב גיהערט זענין אין דעם ספר עפיס דא ענטערעסין פין ארבע פינות העולם פין רוסלאנד און פין דעם קורדאן און אפילו פין ארץ ישראל. ניא אדרבא איך בעט אייך, וויא איזט דאס גימאלט איין מענש, זאל אים אידום זיין, אין זאל דאס אלצדינג קענין ויסין, עפיס פליגיל האט ער גיהאט וואס

איהר האט רעכט זאגט דער[6] בעה"ב, איהר ווייסט אבער נישט אז דער וואס האט דאס ספר גימאכט איזט גיוועזן א רואה ואינו נראה, דאס הייסט, אז ער האט גיוואלט האט ער דיא גאנצי וועלט גיזעהן אין קיינער האט

איהם נישט גיזעהן. אין אז ער האט גיוואלט האט ער עפּיס אזוינס גיטיהן איז גיקומין אוואלקען אין האט איהם גיטראגין וויא אהין ער האט אליין גיוואלט.

אי איך בעט אייך האט זיך דער ארענדאר אנגירופין האט איהר דאס אייך אויס קיינעם נישט צי שפּעטען, נור אויס מיר, וואס ווילט איהר מיר דא עפּיס פּירזאגין, אזויני זאכען גלייב איך נישט.

פֿר וואס גלייבט איהר עס נישט, וואס איזט אייך דא קשה זאגט דער בעהב, אז איהר קענט יוא דעם שבחי הבעש״ט וועט איהר דעך גידענקען, אז דער בעשט איזט אמאהל גיוועזן בייא זיין קאמיסער איז דארט גיוועזן א פריץ, וואס איז דעם בעשט גיוועזן א שונא אין האט תמיד גיזאגט אז ער וועט איהם זעהן וועט ער איהם שיסען מיט א ביקס, פין דעסטוועגין איזט דער בעשט לעבין איהם צווייא מאהל גישטאנין, און ער האט איהם נישט גיזעהן, אין דאס האט איהר אודאי אויך גילייענט אין דעם שבחי הבעשט, וויא פיל מאהל דער בעשט איזט אין אקורצער צייט, אוועלט איינגיפאהרין, אין איין נאכט איזט ער אמאהל אייגיפאהרין עפּיס אגוזמא מייל,[7] אלע פּערטעל שעה האט מען גיזעהן א אנדערי שטאד. מילא זעהט איהר דעך אז אלצדינג קען זיין אויף דער וועלט.

שען חלעבין זאגט דער ארענדאר, וואס דרצעהלט איהר מיר דא פֿון דעם בע״שט, דאס איזט אין אמת גיוועזן עפּיס אנדערש, ער האט גיהאט דיא כתבים פֿין דעם בעלשם אדם, און האט מיט זייא גיקענט טוהן, וואס ער האט נור[7a] גיוואלט.

זעהט איהר, אט דאס איזט שוין נישט אמת, זאגט דער בעה״ב.

וואס זאגט איהר איזט נישט אמת, האט דער ארענדאר אגרויס גישרייא גיגעבין,

שרייעט נור נישט ענטפּערט איהם דער בעה״ב, דאס וואס איהר זאגט ר׳ אדם איזט גיוועזן אבעלשם איז ניט אמת.

ועמין זאגט איהר דאס עס איזט נישט אמת שרייעט דער דארפּס מאן ווייטער וואס איך האב מיט מייני אויגין גילייענט, וועט דעך מיר קיינר נישט אבלייקנין.

איך ווייס זאגט דער בעה״ב איהר האט עס גילייענט אין דעם טייטשין שבחי הבעש״ט, בעזירט אייך נור נישט, איהר מוסט ויסען, דער טייטשער שבחי הבעשט איזט דעך נור אהעתקה פֿין דעם לשון הקודשין.

יוא זאגט דער ארענדאר וואס דרצעהלט איר מיר עפּיס דא, דאס האב איך דעך גילייענט תיכף אויף דעם שער שטעהט עס אפילו

נוא זאגט דער בעהב, איהר מעגט מיר גלייבין, אז אין דעם לשון הקודשין שטעהט גאר נישט, אז ר׳ אדם איזט גיוועזן איין בעל שם, נור דער וואס האט דעם שבחי הבעשט מעתיק גיוועזן האט דאס צו גיזעצט.

וואס טייטש ער האט צו גיזעצט, זאגט דער דארפסמאן, וויא טוהר ער צו זעטצין, וויא טוהר איינער וואס איזט מעתיק עפיס צו זעטצין.

גלייבט זשע מיר זאגט דער בעה״ב, ער האט נישט דאס אליין גיטוהן ער האט איאם זאכין צו גיזעצט אויס זיין קאפף, און איאם זאכין האט ער גאר נישט אריין גישטעלט. וואס דארפט איהר מעהר תיכף בייאם אָנהעב האט ער נישט גישריבין אז דעם בעשטס מוטיר איז גיוועזן אַ באָבי, איני׳ אין דעם לשון הקודשין שטעהט עס. מילא מאג זיך אייך איפשר דאכטען אז דאס איז אַ קלייניגקייט זאג איך אייך[b7], אז דאס איזט זעהר אַ גרויסער ענטערעס, ווארין איך האב גיהערט פין אַ גרויסין צדיק[c7], אז דיא מוטער פין דעם בעשט איזט גיוועזן אַ גלגול פון דער באָבי פועה וואָס שטעהט אין דער תורה, אין אז דאס העט ח״ו נישט גיוועזן, העטין דעם בעשטס לייט איצט דאס נישט גיוועזן וואס זייא זענין, פרשטעהט איהר שוין מילא אדרבא, איזט רעכט אזוינס נישט צו שטעלען, אין אז עס זאל דרצו קומין וועל איך ווייזען, מעשיות אין טייטשין וואס שטעהן גאר נישט אין לשון הקודשין, אין איאם ווידער איפשר ניינציג זאכין וואס שטעהן אין לשון הקודשין און אין טייטשין נישט, און אטהייל זענען[8] דא, וואס ער האט גאר ניט אזוי גישריבין וויא אין לשון הקודשין

איך בעט אייך זאגט דער דארפס מאן, לאמיר דרפין נישט שמיסין, זאגט מיר בעסיר, וואס איהר האט דא אנגיהויבין צו זאגין מכח דעם אז דער בעשט האט גיקענט מאכין ער זאל אלצדינג זעהן און איהם זאל קיינער נישט זעהן אדער צו לויפין אין איין נאכט אגוזמא מייל אוועק, קען אלצדינג זיין אויף דער וועלט

זעהט איהר זאגט דער בעה״ב, איהר האט דעך אליין גילייענט, אז דער בעשט האט דאס דורך ר׳ אדמס כתבים גיקענט, מילא מוסט איהר וויסען, אז דער פון דעם מגלה טמירין האט באקומין איין כתב פין דיא כתבים,

וואס טייטש זאגט דער ארענדאר וויא איזט מיגליך דער בעשט האט דעך זייא אין איין שטיין פרשלאסין, אין האט נאך אשומר אויך אנידער גישטעלט לעבין זייא.

אדרבא זאגט דער בעה״ב זעהט זשע, דער בעשט האט זייא פרשלאסין אין איין שטיין, נאך וואס זשע האט ער נאך באדארפט אַשומר אויך אנידער צו שטעללען, ווער ווייס דאס קענין אויס אשטיין וואס האט זיך דורך אשֵם גיעפּצנט און ווידער צוגימאכט, אזויני כתבים ארויסנעהמען, נור דער בעש״ט האט גיוויסט, אז פין דיא כתבים דארף אויף דער וועלט נאך אימציר עפיס זאכין בעווייזין האט ער פון דעסט וועגין דעם שומר אנידער גישטעלט נישט ער זאל זייא היטין, נור ער זאל זייא דעם ארויסגעבען, וואס דארף זייא צו האבין.

אוי ווייא איזט מיר זאגט דער ארענדאר איצט פרשטעה איך דעך ערשט וואס אין שבחי הבעשט שטעהט, דיא כתבים זענין אויף דער וועלט פינף מאהל

נתגלה געוואָרן היינו צו אברהם אבינו, צו יהושע בן נון, צו ר' אדם (איך וועל שוין נישט זאָגן ר' אדם בעל שם) און צום[9] בעשט, און דעם פּיפּטן ווייסט מען נישט, איזט דאס דער פּיפּטע האט אפּנים, דער פֿון דעם מגלה טמירין.

זעהט איהר זאָגט דער בעה"ב אט דא האט אויך דער טייטשי שבחי הבעשט אנדערש געשריבין וויא דער לשון הקודישי. אין לשון הקודשין שטעהט אזוי דיא כתבים זענין צים בעשט דאס פיפטע מאהל נתגלה געוואָרין, דער פּולנאיר מוכיח האט געזאָגט, זייא זענין געוועזן בייא אברהם אבינו ע"ה בייא יהושע בן נון, און דיא איבריגי ווייס איך נישט.

גאט זאל מיך נישט שטראָפּין פֿר דיא רייד, זאָגט דער דאָרפֿס מאַן. וואס טייטש, איך פֿרשטעה נישט, איזט דעך עפּיס דער לשון הקודישדיקי ח"ו אויך, ניט מיט מיין מויל גירעדט. ערשט זאָגט ער זייא זענין געוועזן, בייא ר' אדם אין בייא ר' אדמס זוהן, אין בייאם בעשט אין היינטשי בייא אברהם אבינו ע"ה און בייא יהושע בן נון זענין דעך דא אלע פינף.

ר' אדמס זוהן זאָגט דער בעה"ב קאָן מען נישט רעכנין אלי מאיי' זייא זענין אין שטיין גילעגין, דער זוהן האט דעך צי זייא נישט געטויגט

פֿין דעסט וועגין זאָגט דער דאָרפֿס מאַן איזט דעך עפּיס פֿאַרט נישט רעכט, נור איך וויל קיין קשיאס פֿרעגין, וואס טויג עס זאָגט זשע מיר איך בעט אייך, וויא אזוי האט[10] זייא דער פֿין דעם מגלה טמירין באקומין

דאס איזט פיעל צו דרצעהלין זאָגט דער בעה"ב, ער בשרייבט עס אין דער הקדמה עס איזט גאר אווינדער.

וואס העלפט דאס זאָגט דער דאָרפֿסמאַן עס איזט דעך אבער נישט דא אויף טייטש, אין לשון הקודש בעוה"ר פרשטייא איך נישט, נור איך זאג אייך דעם אמת, אזוי וויא איהר האט מיר דא געזאָגט, האב איך שוין גאר דעם חשק פֿרלאָהרין אפילו אויף טייטש[11] אזוינע זאכין צו לייענין. עס איזט דעך עפּיס גאר קיין קאַטאָוויס נישט, אמענש זאל קענין אזוינס טוהן, עפּיס אַנדערש צו שרייבען וויא עס שטעהט. וואס טייטש אין אזוי אספר שטעקט דעך זאכין קיין קאַטאָוויס נישט, קומט אזוינער, אין מאכט דארויס עפּיס אַ איך ווייס אליין נישט וואס.

אודאי זענט איהר גירעכט זאָגט דער בעה"ב, ווער קען ווייסען וואס אין אזויני ספרים שטעקט, דער וואס האט גידריקט דעם לשון הקודשין שבחי הבעשט[11a] זאָגט טאקי, אז מען זאל נישט מיינין ער האט דאס ספר געשריבין עפּיס מעשיות צו לייענען, עס שטעקט דארינין גרויסי זאכין און מיט דעם מגלה טמירין איזט אויך אזוי געוועזן, עס האט דא איצט איינער ארויס געגעבין גאר אקליין ספרל עס הייסט דברי צדיקים זעהט מען דארויס, אז אין דעם מגלה טמירין שטעקען עפּיס סודות וואס דיא האָר שטעלין זיך אזשע איינעם אויף.

אָט זאָגט דער ארענדאר, גלייבט דאס נישט איך בין אנימעלטען געוועזן אין דאברי בייא אַ בשמים קרעמיר האט ער אנגיהויבין צו לייענין דאס ספרל,

איזט איינער צו גילאפין און האט עס אויס גיחאפט אין האט עס צו ריסין מילא עס זאל עפיס רעכטסזיין, העט זיך דער אודאי נישט אונטערגישטאנין ער זאל עס ציררייסין.

איהר זענט דרבייא גיוועזן רופט זיך דער[12] שכן אָן איך בין דענצמאהל אויך דארט אין שטיעב גיוועזן, איך וועל אייך אסימן זאגין דער וואס האט עס צוריסין דעם האט מען גירופין דער רוסישיע מעקלער.

יוא זאגט דער ארענדאר אמת עס זענין דענצמאהל איאם מענשין גיוועזן אין שטיעב איינער האט דעם אנדערן נישט גיקענט זעהן.

נוא וואס זשע דרינגט איהר אייך דא פין דעם רוסישען מעקלער זאגט דער שכן גידענקט איהר נישט וויא ער איזט נור אריין גיקומין האט ער גיזאגט צו דער בשמים קרעמערין[13] ווייסט איהר חיי׳ היינט וועלין מיר זיין יודין, האט זיא איהם גיזאגט, וואס טייטש, וואס זענין מיר דען איצט, פרשטעהט איהר האט ער גיענטפערט היינט וועלין מיר[14] זיין טאקע יודין, יודין, טאקע רעכטי יודין, פרשטעהט איהר שוין. זיא האט אבער גיזאגט, ניין איך פרשטעה נישט, פרשטעהט איהר האט ער גיזאגט, מיר וועלין היינט א טרינק טוהן, אין וויא ער האט דאס גיזאגט, האט מען איהם גימאכט א טשאיי, נישט אבער טהע מיט אראק, נור אפאאר גרויסי גלעזיר אראק מיט אביסילי ווארם וואסער.

יוא חלעבין זאגט דער ארענדער, איך גידענק גאנץ גיט, אמת חלעבין אמת.

איהר מיסט דען אודאי גידענקען זאגט דער שכן אז וויא דער רוסישע מעקליר איז נור גיקומין איזט ער שוין קיין מעשה ניט שכור גיוועזן. אין צים סוף האט ער גיזאגט ער וויל אטרינק טוהן, אין האט זיך אנגישכורת, וויא א פראסטי פויער, מילא פין אזוי א גראבען יונג פין אזוי אשכור ווילט איהר אייך א ראיה נעהמין אז ער צירייסט א ספר מסתמא איז עס שלעכט.

טא אודאי האט איהר רעכט, זאגט דער ארענדאר ווייס איך זשע, איך בין דען א פראסטאק. חלעבין מיר פראסטאקיס זענין מיר אזוי גיוואהנט, אז מעהער מיר אימציר לויבט עפיס א מענשין אדער א ספר, האלטין מיר דרפין ביז אין הימעל אין אז מעהער מיר שענדין אנטלויפין מיר דרפין. מיר[15] פראסטאקיס זענין דען נעביך וויא[16] בלינדע שעפעליך.

עס איזט רעכט זאגט דער שכן אפראסטיק זאל צי הערין וואס אנדערי זאגין. נור פין דעסטוועגין דארף ער נישט איטליכין אין מויל אריין קוקין, אז ער זעהט אָ למדן אָ פרומין יוד[17] קעהר ער איהם צו צוהערען, אבער אז ער זעהט[18] אשכור טוהט עפיס דארף עס איהם נישט אנגעהן. ווייל איהר האט גיזעהן, אז דער רוסישר מעקלער אונטערשטעהט זיך אספר צי צורייסין האט זיך אייך שוין גידאכט, מן הסתם דארף אזוי צו זיין. און פשוט איזט פשוט ער האט עס צוריסין ווייל ער איזט א פראסטי שכור א עזות פנים, דער גרעסטי מאן אפילו אז ער היט זיך נישט אפ פין א טרינק, טוהר מען זיך[19] נישט פרלאזין אויף איהם, א מורה הוראה אז ער איז שכור טוהר ער נישט פסקנין איהר זאלט זעהן וואס אין מדרש רבה אין במדבר אונ אין מדרש

תנחומא פרשה שמיני שטעהט וויא מען זאל זיך היטען פין שכרות אין צי וואס דאס שכרות ברענגט אלץ הכלל, עס שטעהט דארט בפירוש, אז דורך דעם קומט מען צו זנות, צו שפיכות דמים צו גנבות און צי אלע עברות וואס אין דער תורה שטעהט, מילא ווילט איר אויף אזוינים קוקין.

ווייס איך זשע, זאגט דער ארענדאר גאט זאל מיך נישט שטראפין פֿר דיא רייד, א פראסטאק קעהר טאקי גאר נישט גיבאהרין צו ווערען ווארין מען ווייסט דעך גאר נישט וואס מע זאל טוהן אויף דער וועלט. ווייס איך וויא איהר זאגט האט[20] אפנים איהר זענט זעהר משונה גערעכט, ובפרט איהר זאגט דעך מיר דא אויס אזויני ספרים ארויס, איז דעך עס אודאי אמת. פֿין דעסטוועגען בין איך אטדא פֿר עטליכי יאהר גיוועזן אין א שטאד, איך וויל נישט זאגין וויא איזט דארט דא אגרויסר צדיק כמעט דער גרעסטי, בין איך אהין צו איהם גיגאנגין, איך האב איהם גיגעבען ניט אויס גירעד זאל עס זיין חלעבין נאך מיין כח נאך, איפשר אי איבר מיין כח האב איך צו גיזעהן וויא אזוי דער לעבט, גאט זאל מיך נישט שטראפין פֿר דיא רעד, תיכף נאך דעם דאווינין האט מען איהם גיבראכט אקאוויט, פֿין דעם האט ער ביז צים עסען אקעגין אנדערהאלבען קוואטירליך גיטרונקען און בייאם עסען איאם ווין זעהר טהייערן. מען האט איהם פֿין דעם טיש אוועק גיטראגין אין זיין — נור צו וואס זאלל איך דא רעדין וויא קומט עס צו מיר, לאמיר בעסיר רעדען פֿין עפיס אנדערש. איך בעט אייך זאגט זשע מיר, איהר האט גיזאגט, דער פון דעם מגלה טמירין האט בעקומען פֿון דיא כתבים וואס דער בעשט האט גיהאט, איז דאס נור אמת.

איך פֿרשטעה נישט זאגט דער[21] בעה״ב איך זאג דעך אייך אז עס איז אין דער הקדמה גידריקט דיא גאנצי מעשה, אין עס שטעהט ווער דאס ספר האט גימאכט זעהר א פֿרומיר יוד, אין אהסכמה איז דא דארויף פֿין א גרויסן[22] בעל מקובל פֿין טורבוסמא. אין צים סוף פֿרעגט איהר מיך אב עס איז אמת.

וואס האט איהר מיר פֿראיבל צו האבין זאגט דער דארפֿסמאן איך בין דעך אפראסטיק, ווייס איך זשע וואס עס טוהט זיך איך קען דעך נישט לייענין לשון הקודש, איך קען אפילו נישט נאכזאגין דיא שטאד וואס איהר האט דא גיזאגט פֿין דער הסכמה.

דיא שטאד זאגט דער בעה״ב הייסט טורבוסמא. טורבוסמא זאגט דער דארפֿס מאן, אזוי א שטאד האב איך נאך קיין מאהל נישט גיהערט, איך בעט אייך וויא גיפֿינט זיך דאס דיא שטאד.

עס האט אפנים זאגט דער בעה״ב זיא איז אין ארץ ישראל, ווארין דער נאמין איז תרגום לשון וויא איז אין חוץ לארץ דא אשטאדט, זיא זאל האבין א נאמין אויף תרגום לשון

תרגום לשון זאגט דער דארפֿסמאן, האט דעך אפנים אז דער וואס האט דיא הסכמה גיגעבען איז גאר איין ארץ ישראל יוד, מילא תאט מען דעך[23]

אודאי נישט מסופק צי זיין אז דאס ספר מגלה טמירין מוס זיין גאר עפיס אגאטס ווינדער. נור וואס העלפט עס אז עס נישט דא אויף טייטש אין אויף לשון הקודש האב איך קיינעם נישט, ער זאל איהם מיר צי פרשטעהן געבען[24] איך האב מיין מלמד גיבעטין ער זאל עס מיר לייענין האט ער מיר תחלת גיזאגט איהר האט דעך דאס ספר נישט, אין אמאהל בין איך פין דער שטאד אהיים גיקומין אין האב איהם גיזאגט, עס האט מיר איינער צי גיזאגט דעם מגלה טמירין צי לייהען, האט ער מיר עפיס תרוצים גיזאגט, אז איך האב גיזעהן, ער וויל איהם מיר נישט פירלייענין האב איך מיר גיטראכט, מסתמא שטעהט אין איהם עפיס שלעכטס

וויא דער דארפסמאן האט דאס ארויס גירעד, האט איהם דער בעה״ב גיפרעגט וויא הייסט אייער מלמד אין וואס פר אפנים האט ער, דער דארפס-מאן האט איהם גיזאגט וויא ער הייסט, אין האט איהם גאנץ אבגימאהלט, אין האט נאך גיזאגט, ער איזט גאר קיין נאר נישט אין קיין שלומזאלניק, ער רעד גיט פאהליש אין איזט אשטיקעל לץ, נור עפיס צי צייטען געהט ער ארום וויא אָהן אקאפף, דער בעה״ב האט געגעהמין דעם מגלה טמירין, אין האט אנגיהויבן אויף איין בלאט אין זיך צי לייענין האט דעם[25] שכן צי גירופין, האט יענעם אלץ אינוועניג געוויזען אין ביידע האבען זיך אנגיהויבען צי סודין, וויא דער דארפסמאן האט דאס דרזעהן, האט ער זייא אנגיהויבען זעהר צי בעטין, זייא זאלין איהם זאגין וואס זייא סודין זיך דאס, איך זעה דעך האט ער גיזאגט אז איהר שמיסט דא עפיס פין מיין מלמד, וועט איהר מיר נישט פראיבל האבין פרוואס איך וויל עס וויסען.

[26]תחלת האבין זייא איהם[27] נישט גיוואלט זאגין, נור ער האט זייא אזוי לאנג גיבעטען, ביז זייא האבין איהם גיזאגט, זייא וועלין איהם זאגין, נור ער מוז זייא תקיעת כף געבען, עס זאל בלייבען בסוד, דער דארפס מאן האט זייא תקיעת כף גיגעבין, אין זייא האבין איהם גיזאגט, אז דער מלמד איזט דא אין מגלה טמירין, מיט איהם איז א גאנצי מעשה גיוועזן ער האט זיך אמאהל[28] כופר[29] גיוועזן, אין דער נאך האבין זייא גיהערט, אז ער איזט ווידער בשתיקה אויס געקומין. איבער דעם וויל ער דעם מגלה טמירין נישט לייענין אין געהט צי צייטען ארום וויא אָהן אקאפף.

אז עס איז יוא אזוי זאגט דער דארפסמאן, זעהע איך דעך אז דער מגלה טמירין איז עפיס גאר קיין קליינגקייט נישט, אז ער האט געוויסט, וואס מיט מיין מלמד טוהט זיך אפילו איזט ער דעך עפיס גאר קיין קאטאוויס נישט, פרוואס זשע איזט איהם נישט אימציר מעתיק אויף טייטש, פרוואס זאלין מיר פראסטאקיס נישט דיא זכיה האבין, אזוי א ספר צו קענען לייענין. חלעבין אז עס קומט א שבת א יו״ט, אדער דיא ווינטערדיגע נעכט, קומט דעך אונז גאר כמעט משוגע צו ווערען איך ווייס עס זאל אימציר דאס מעתיק זיין אויף טייטש העט ער זיך חלעבין עוה״ב גיקויפט, אין פר זיין טרחה העט ער אויך זעהר גיט ארויס גיקומין, וואס איזט[29a] איך בעט אייך. דאס

לשון הקודשדיקע הערע איך קאסט איין רובל צי דארט[30] אנדערטהאלבען זילבערני רייניש, לאמיך זאגען דאס טייטשע וועט קאסטען אפילו נור דיא העלפט קען מען אויך שען געלד פֿרדינען.

איך בעט אייך זאגט דער[31] שכן, אייך דאכט זיך, אז מעקויפט אזוי יידישי ספרים, מיר זעהן אז דער מחבר פֿאהרט נישט אליין ארום פֿין שטאד צי שטאד, און געהט מיט זייני ספרים ארום טאקי אין דיא הייזיר וויא וועלכער ארם מאן, אין זאל זיך לאזין פֿין אטהייל עשירים גראבע יונגען נאך מבזה זיין, קען ער קיין ספר נישט פֿרקויפֿען, פֿרצייטין איזט עפיס אנדערש גיוועזן. דענצמאהל האבין יודין גיקויפט ספרים וייל זייא האבין גיוואלט לערנען, איצט קויפֿט מען ספרים נור פֿין גאוה וועגין, מען זאל ווייזין מען האט א שאפֿי ספרים, מילא אז מיהאט שוין דיא שאפֿי ספרים וואס מען קוקט אין זייא א גאנץ יאהר נישט ארייין וואס זשע טויג דאס נאך צי קויפֿען.

אי זאגט דער דארפֿס מאן דאש איז נור בייא לשון הקודשדיגע ספרים, אבער טייטשי ספרמליך חלעבין קויפֿין מיר פראסטאקיס טאקי נאך אונזער כח נאך וואריין לשון הקודשדיגע ספרים קויפען מענשין וואס זייא פֿרשטעהן זייא נישט, אבער מיר נעביך לייענען אלי טייטשי ספרמליך און זענין זיך מיט זייא טאקי גאר מחיה. איך ווייס אזוי וויא איהר זעהט מיך אונד חלעבין נאך איאם מיינס גלייכין העטין בשמחה רבה פֿר א מגלה טמירין גיגעבען אפילו איין רייניש מינץ, אזוי וויא איך הער נור פֿין אייך דעם שטייגר דר פֿין, איז עס דעך[32] א גרויס תענוג צו לייענין,

זעהט איהר האט מיר נישט פֿראיבל זאגט דער בעה"ב, דאס וואס פראסטאקיס קויפֿין ספרמליך איזט נור וייל זייא לייענין גערן מעשיות, אין דער איבריגער עולם ווילין קיין מעשיות נישט לייענין, זייא שטעהט נישט אָן מעשיות צי לייענין.

ביז אהער בין איך גיזעסין פֿין וויטען און האב מיך נישט גימושט, איצט אבער האב איך מיך שוין נישט גיקענט איינהאלטען, אין האב[33] זייא גיזאגט, מיינט איהר אויך אז דער וואס האט דעם מגלה טמירין גימאכט האט נור גיוואלט מעשיות שרייבין, אין דעם עולם לוסטיג מאכען. מיר דאכט זיך, אז דער מחבר האט דיא בריעף אבגעשריבין זענין איהם נישט איינמאהל דיא טרעהרין אין דיא אויגין גישטאנין, אין מיט אביטער הארץ האט ער זייא אבגישריבין וואריין ער האט גיזעהן אונזער פֿינצטערן מעמד, אז מען קען מיט אונז נישט שמיסין ערנסט אזוי וויא פֿרצייטין איזט גיוועזן. פֿר ערנסט שמיסין זענין מיר בעוה"ר טויב און אונזערע אויגען פֿרקלייבט, איך פֿרגלייך אונז צו אקראנק קינד, אז מען בעדארף איהם איינגעבען רפואות מוז מען זייא איהם פֿרמישין אין ציקער אודר אין איינגימאכץ, וואריין אנדערש וויל עס דיא רפואות גישט נעהמין.[34] עס זעהט נישט אז עס מוס דיא רפואות האבין, עס וויסט נישט אז עס איזט קראנק, אזוי איזט מיט אונז, דער מחבר פין דעם מגלה טמירין קען זיינע ברודער, ער האט נישט גיוואלט מעשיות שרייבין, ער

מיינט עפיס אנדערש, ער זעהט מיר זענין מסוכן קראנק, און מיר ווילין קיין רפואות נעהמין האט ער אונז דיא רפואות פרמישט מיט צוקיר וואס העלפט דאס אבער, דער צולם זעה איך לעקט אב דעם צוקער[35] און דיא רפואות[36] רוהרין זייא נישט אן

ליבר פריינד זאגין דיא צווייא שטאדלייט צו מיר, פין וואנין ווייסט איהר דאס אלץ.

אז מען לייענט דעם מגלה טמירין מיט שכל ווייסט מען דאס וואס איך האב דא גיזאגט, האב איך זייא גיענטפערט, אין חוץ דעם מוס איך אייך זאגין איך קען דעם מחבר גאנץ גוט, אזוי וויא איך קען מיך אליין

וויא איך האב דאס ארויסגירעד, זענין דיא צווייא מענשין צו מיר צו גיקומין און האבין מיר געדריקט דיא הענד, זייא האבין פר שמחה אליין נישט גיוויסט וואס זייא זאלין טוהן, גלויבט איזט דער אייבערשטער האבין זייא גיזאגט, אז ער האט אונז צו געשיקט אזוי א מענש ווי איהר זענט מיר ביידי האבין דאס אויך פרשטאנין נור ווער טרויעט זיך היינטיגע צייטין אזוינס צו זאגין, פר דעם דארפסמאן האט זיך עס נישט אויפזיך, אדרבא אז איהר זענט יוא אבעקאנטיר פין דעם ר׳ עובדי׳ פר וואס זשע האט ער פין דעם מגלה טמירין אָן גאר נישט גידריקט ער זאגט דאך אין מגלה טמירין, ער וועט נאך זאכין דריקין לאזין און צום סוף זענען שוין[37] כמה שנים און עס[38] איזט פין איהם נאך גאר נישט דא.

איך האב בייא איהם גיזעהן נאך עטליכע שעני ספרים, האב איך זייא גיזאגט, אבאלד וועלין צווייא ארויסקומין, ער האט נישט גיקענט ביז אהער עפיס דריקען מכמה טעמים, וואס איך קען נישט זאגין.

וואס טויגין מיר נייע ספרים זאגט דער ארענדאר אט לאז ער בעסער דעם מגלה טמירין אויף טייטש געבין, חלעבין מען וועט דיא טייטשי געביר קויפין וויא דיא לשון קודישדגי, נור עהרליך זאל מען זייא מעתיק זיין ניט אזוי וויא איך האב דא גיהערט פון אייך פין דעם טייטשין שבחי הבעש״ט.

[39] אז איהר ווילט וועל איך[40] דעם מגלה טמירין עהרליך אין גיטרייא איברזעטצען,[41] נור ווער וועט איהם אבער דריקין האב איך[42] דעם ארענדאר גיענטפערט.

איהר[43] ווילט איהם איברזעטצען האט דער ארענדאר אגישריי׳ גיגעבין, ווייסט איהר וואס, מיין פריץ האט אפאפערגי,[44] איך וועל בייא איהם נעהמין פאפיר, ער וועט מיר געבין אָהן געלד, ביז מען וועט דיא ספרים פרקויפין אין געלד וועל איך אויך צי שטייער געבין, אין אפאר שכנים האב איך אויך וואס וועלין לייהען געלד.

איך דארף קיין פאפיר און קיין געלד האב איך איהם גיזאגט. איך האב אויך קיין צייט גישט מיט דעם דריקען אין מיט דעם פרקויפען מיך אבצי געבין. איך וועל איהם אייך מעתיק זיין אין וועל אייך געבין דעם געשרי־בענים מגלה טמירין גאנץ[45] גיטרייא איברזעצט אויף טייטש, אין איהר[46] לאזט

איהם אייך דריקין, אין שיקט איהם אייך ארום צי פֿרקויפֿין איך וויל פֿין אייך גאר נישט אפילו פֿר מיין טרחה נישט

זעהר גוט זאגט דער ארענדאר אין דיא צווייא שטאד לייט, איהר מוסט אונז אבער אויך[47] דיא הקדמה וואס איז[48] אין דעם מגלה טמירין,[49] אויך איבערזעצין, אין חוץ דעם מוזט איהר אויך נאך אבזונדרי טייטשי הקדמה שרייבין.

איך האב זייא דאס אויך צו גיזאגט, אין האב איהם אקוראט איבערזעצט מיט דער לה"ק חקדמה אין מכח דער[50] טייטשער הקדמה האב איך מיר מישב גיוועזן, וואס דארף איך דא איין אנדרי הקדמה צי שרייבין, אט[51] דער גאנציר שמיס, פֿין דעם בעה"ב פֿין דעם שכן, פֿין דעם דארפסמאן אין פין מיר לאז זיין א הקדמה, אין[52] אַ הקדמה דארף מען זאגין, פֿר וואס מען האט דאס ספר גימאכט[53] אין צו וואס דאס ספר קומט צי נוטץ, אט אין דעם[54] שמיס, וואס דא איזט גיוועזן, איזט אלצדינג דא. נור דאס מוס איך נאך[55] זאגין אז זעהר וועניג זאכין אין אלעם איפשר צווייא דרייא פין דעם ספר אליין אין עפיס פין דער[56] לשון הקודשר הקדמה זענין נישט איבער גיזעצט ווארען, ווארין אין טייטשין קאן מען זייא נישט זאגין, אין לשון הקודשין איז עפיס אנדערש, אויך איאם (הערות) אנצייכנישין וואס אין לשון הקודשין שטעהן אונטין זענין אין דעם טייטשין נישט דא, ווארין[57] מען קען זייא[58] נישט איבער זעצין אין טייטשין עס שטעהן אין דיא ספרים זאכין וואס אין טייטשין ווערט מען זיך דיא אהרען פֿרשטאפען מען זאל זייא נישט הערין, אונ אין לשון הקודשין איז דער עולם שוין גיוואהנט זייא צו הערין ווארין מען זאגט זייא אין מען ווייסט גאר נישט וואס מע זאגט. אשטייגר וויא איאם יודען לערנען זהר און ווייסין נישט וואס שטעהט דארינין אדער זאגין תרגום, יוצרות אין סליחות אין ווייסין נישט וואס עס טוהט זיך מיט זייא. אין וויעדער זאל דער עולם וויסין אז זייא וועלין דא זעהן איין איינצייכיניש פֿין דעם שבחי הבעשט אדער פין דעם סיפורי מעשיות אין וועלין דאס איינצייכניש אין דיא דאזיגי טייטשי ספרים נישט גיפֿינין, זאל זייא גאר נישט קשה זיין, ווארין זייא האבין דעך דא גילייענט אז דיא טייטשי העתקה פֿון דיא ספרים זענין נישט אקוראט אין דיא איינצייכנישען זענין אויס דעם לשון הקודשין.

איך האף עהרליכע פראסטאקיס, וועלין מיר דאנקין פר דעם וואס איך האב זייא מעתיק גיוועזן דעם מגלה טמירין, און אז אנדערי וועלין ברוגז זיין געהט מיך אויך נישט אן, הש"י ווייסט מיין כוונה איזט עהרליך. בזכות זייא ווע ט מיר השי העלפין נאך נוצליכי ספרים לטובת בני עמי מעתיק צו זיין אמן. כן יהי רצון.

## הערות

דאָ איז אָפּגעדרוקט דער אויסגעבעסערטער טעקסט פֿון דעם כתב־יד, און די תיקונים װאָס זײַנען געמאַכט אויף די גליונות פֿון דעם כתב־יד זײַנען אַרײַנגעטראָגן אינעװייניק. מען קאָן

איבערלייענען אויף דעם לכתחילהדיקן טעקסט און די אויסגעמעקטע ווערטער וערן געבראַכט אין
די הערות. אין דעם כ״י איז אָפט שווער אונטערצושיידן, צי עס שטייט אַ ו אָדער אַ י, אַ מאָל
איז אויך אַ ספק צווישן אַן ע און אַ י. אין רוב פֿאַלן איז ביים איבערשרייבן אָנגענומען געוואָרן י.
1 צוויא שטאד לייט. 2 דריביר. 3 איינער פון די צווי שטאד לייט. 4 שטאדמאן.
5 דאָ און ווייטער עטלעכע מאָל שטייט איין, די ין זיינען אויסגעמעקט און אונטער דעם א
איז אונטערגעשטעלט אַ פתח. 5a אויך. 6 דאָ און ווייטער אומעטום ווו עס שטייט בעה״ב, איז עס
איבערגעמאַכט פֿון שטאדמאן. 7 לכתחילה מיילין, די ין זיינען אויסגעמעקט. 7a אליין.
7b זאגין. 7c דער האט גיזאגט. 8 איזט. 9 בעל שם. 10 זשע. 11 לשון. 11a אין די.
12 דאָ און ווייטער אַ פּאָר מאָל שכן אָנשטאָט אַנדערער שטאדמאן. 13 לכתחילה
איז געשטאַנען צום בשמים קרעמער, די ים איז אויסגעמעקט, איבער דער שורה
איז צוגעשריבן דאָס וואָרט דער, צו קרעמער איז בפֿירוש צוגעשריבן דער ין, דער יוד
פֿאַר אים איז ניט קענטיק. 14 זאגען. 15 זענין. 16 ווילדע. 17 מענשען. 18 עפיס.
19 אויף איהם. 20 דעך. 21 ערשטע שטאדמאן. 22 מאן. 23 גאר. 24 מיין מלמד.
25 אנדערן. 26 זייא. 27 תחלת. 28 גימוסט. 29 זיין. 29a עס. 30 איין. 31 אנדערער שטאד-
מאן. 32 עס. 33 דעם שטאדמאן. 34 ווארין. 35 זעה איך. 36 לאזין זיי איבר.
37 צוועלף יאהר אבאלד. 38 גאר גישט דא. 39 איך האב בייא מיר אליין אגעשריבינים
טייטשין מגלה טמירין. 40 אייך. 41 האב איך זייא גיזאגט. 42 האט. 43 האט איינעם.
44 מיהל. 45 עהרליך. 46 גיט מיר נור אמענש. 47 אַ טייטשי הקדמה שרייבין הוץ דער.
48 איברזעצט אויס אין. 49 אין וואס איהר ווער זיא. 50 הקדמה האב איך אנ. 51 דיא
גאנצי מעשה. 52 איין. 53 גידריקט. 54 גאנצין. 55 צי זעט[צין ז] 56 הקדמה. 57 דיא
ספרים וואס פֿין זייא זענין דיא אנצייכנישן, זענין נישט דא אין טייטשין, און איך האב גיזעהן
אז. 58 לאזין זיך.